Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 181 | Łódź, Czwartek, 4 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, דאנערשטאג, ב׳ אב תרצ״ב | № 181

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# דירה-געלד ווערט פערקלענערט

## מען וועט אבער מעגען דורכפיהרען עקסמיסיעס אין די ווינטער-חדשים

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) מ׳ניט איבער, אז אויף דער נאענטסטער זיצונג פון עקאנאמישען קאמיטעט ביים מיניסטארען ראט וועט אנגענומען ווערען א געזעץ-פראיעקט וועגען פערקלענערען דעם פרייז פון דירה-געלד אין גאנץ פוילען.

גענוי אויף וויפיל פראצענטער דאס דירה-געלד וועט פערקלענערט ווערען איז נאך נישט בעוואוסט.

דאגעגען זאל גלייכצייטיג אפגעשאפט ווערען דאס געזעץ וועגען נישט אויספיהרען קיין עקסמיסיעס פון קליינע דירות אין די ווינטער-חדשים.

## ביז 15 חדשים
### וועט מען דינען אין דער פוילישער פיעכאטע

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש)

אין די גאהענטסטע טעג דערשיינט א פערארדענונג פון קריגס-מיניסטעריום, לויט וועלכער מען וועט דינען אין פיעכאטע בלויז 15 חדשים.

אין די איבעריגע מיליטער-פארמאציעס בלייבט די דינסטצייט, ווי ביז איצט.

## א שרפה ביי „האבערבוש און שיעלע" אין ווארשא

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט)

דא איז אויסגעבראכען א גרויסע שריפה אין דער בעקאנטער ביר-ברויערייי פון „האבערבוש און שיעלע".

א דאנק דער ענערגישער אקציע פון די פייערלעשער איז געלונגען דאס פייער צו לאקאליזירען.

דער היזק בעטרעפט 50 טויזענד זלאטעס.

## נארוועגישער קעניג האקאן



איז אלט געווארען 60 יאהר.

## וויטערדיגע שלאכטען אין באליוויען

ל א נ ד א ן, 3 (ספ. טעל.)

מ׳מעלדעט פון באליוויען, אז עס קומען וויטער פאר בלוטיגע שלאכטען צווישען די ארמעען פון באליוויען און פאראגוואי

## בלוטיגע געשעהענישען אין אטאווא

א ט א וו א (קאנאדע) 3 (ספ. טעל.)

דא האבען זיך היינט איבערגע׳חזר׳ט די בלוטיגע קאמפען צווישען ארבייטסלאזע און פאליציי

עס זענען פערהאן עטליכע גע׳הרג׳עטע און פיל פערוואונדעטע.

פאר דער געביידע פון דער בריטישער ווירטשאפט-קאנפערענץ האבען זיך פערזאמעלט 40,000 ארבייטער, וועלכע מען האט צוטריבען.

זיי זענען אוועק צום פארלאמענט, וואו זיי זענען בעגעגעט געווארען דורך רייטער-פאליציי, וואס האט געשאסען און געטראטען מיט די פיס פון די פערד.

## קריג צווישען פאראגוואי און באליוויע



דאס קריגס-מיניסטעריום פון פאראגוואי — מארש פון באליוויאנישע מיליטער

אנ׳אפטיילונג באליוויאניש מיליטער — מיליטער פון פאראגוואי

## א טעות, צי בכיון?

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט)

אין דער ביבאנק-קאסע נומער 4 האט זיך ארויסגעוויזען, אז א קאסירער האט אויסגעצאהלט פעקלעך מיט קליינגעלד צו 7 זל. 70 גראשען פאר 10-נער זלאטעס.

עס ווערט געפיהרט אנ׳אויספארשונג, צי ס׳איז געמאכט געווארען בכיון, אדער עס איז געווען על פי טעות.

## קאנגרעס פון יודישע יוגענד אין אנטווערפען

א נ ט וו ע ר פ ע ן, 3 (ספ. טעל.)

דא איז געעפענט געווארען דער 4 קאנגרעס פון דער יודישער סטודענטענשאפט.

דער קאנגרעס וועט דויערען 4 טאג.

דאס איז, לויט דער רייה דער צווייטער קאנגרעס פון דער יודישער יוגענד, געווידמעט דעם שלום-פראבלעם.

## דערעפנונג פון פרייסישען סיים

ב ע ר ל י ן, 3 (ספ. טעל.)

דער פרייסישער סיים ווערט געעפענט דעם 16 אויגוסט.

## נאמינירטע קהלה-פערוואלטונג אין גדיניע

ג ד י נ י א (יט״א) מחמת דעם, וואס אין גדיניא איז נאך דערווייל נישטא קיין גענוגענדע צאהל יודישע איינוואוינער, וואס וואוינען ווייניגסטענס א יאהר צייט אין גדיניא, כדי צו האבען דאס אקטיווע און פאסיווע וואהל-רעכט אין דער בייער קהלה, האט דער רעגירונגס-קאמיסאר צייטווייליג באנאמינירט א קהלה-פערוואלטונג מיט ה׳ א. פויש אלס פארזיצער. אין גדיניא וואוינען איצט אנ׳ערך 60 יודישע פאמיליעס.

## פאן-רינטעלען ווערט אפגערופען פון ווארשא

ו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש)

מחמת דער מיינונגס-פערשידענהייט ביים אפשאפען די רעכטליכע זייט פונם אינצידענט, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען דורכ׳ן ראטגעבער ביי דער דייטשער אמבאסאדע, פאן רינטעלען, און וואס איז ענטשטאנען בעת דעם נאכטיגן דעמארשע פונם פוילישען געזאנדטען אין בערלין ביים דייטשען אויסערן-מיניסטער נויראט, האט דער פוילישער געזאנדטער היינט איבערגעגעבען אין אויסערן-מיניסטעריום א נאטע, דאס די פוילישע רעגירונג גייט נישט איצט אריין אין א דיסקוסיע בנוגע דיפלאמאטישע עקסטעריטאריאליטעט, אבער זי מוז מאכען א פארבעהאלט געגען דעם בעליידיגען די נאציאנאלע געפיהלען דורך אזא אופן, ווי פאן רינטעלען האט עס געטון מיט׳ן ארונטערנעהמען די פוילישע נאציאנאלע פאהן.

פוילען האלט זיך אלזא ביי דעם פראטעסט, וואס זי האט נעכטען אנגעמעלדען.

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש).

דער רעגירונגס-קאמיסאריאט האט קאנפיסקירט דעם היינטיגען „וויעטשור ווארשאווסקי" פאר דעם נאטיץ: „צי איז עס דערוועלבער רינטעלען?"

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש)

פון בערלין קומט אן א בעשטעטיגונג פון דער ידיעה, אז פאן-רינטעלען ווערט אפגערופען פון ווארשא.

וו א ר ש א, 3 (טעלעפאניש)

ווי מיר דערוויסען זיך, זאל פאן-רינטעלען נאמינירט ווערען אלס אמבאסאדע-ראטגעבער אין פאריז.

זיין ארט אין ווארשא זאל פערנעהמען דער לעגאציע-ראט שליעפע.

פאר גאלד, בריליאנטען, ביזשוטעריע און לאמבארד-קוויטען צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזדאר פיאלקא, פיעטריקאווער 7

רעשטען
לאדז, נאוואמיעסקא 5
פראנט, 2-טער שטאק
פערשידענע קאמגארנס, ביליצער, טאמאשאווער און לאדזער
אויף אנציגער און פאלטענס
ווי אויך די מאדערנסטע דאמען-שטאפען אויף פאלטנס און קאסטיומען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך, ביי
SZCZĘSLIWY
געדענקט נאר
אין פראנט, II שטאק

Dr. med. A. Uryson
אינערליכע קראנקהייטען
11-טער ליסטאפאד 20, טעל. 215-85
צוריקגעקעהרט
נעהמט אן פון 6–8 אוונד. 8097

Dr. Robinzon
ארדינירט אין פאדעמביע
ווילא וויעטשארקאווסקי.

Dr. med. H. GUTSZTADT
ספעציאל-ארצט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען
ZACHODNIA 62 (Śródmiejska 14)
צוריקגעקעהרט.
נעהמט אן פון 4–7 אוונד.

